STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02302

60 FOLKS-LIDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאלקס-לידער

פון מ. קיפניס און ז. זעליגפעלד'ס

קאנצערט-רעפערטואר.

פאַרלאַג א. גיטלין.

Printed in Poland

Drukarnia „Di Welt“ Nowolipie 7.

אבּטיילונג I

ליריש=ראָמאַנטישע און ליבּעס=לידער.

די גאָלדענע פּאַווע.



עס קומט צופליען די גאָלדענע פּאַווע
פון אַ פרעמדען לאַנד,
פון אַ פרעמדען לאַנד,
האָט זי פאַרלוירען דעם גילדענעם פעדער
מיט אַ גרויסען שאַנד. } ביס

ס'איז נישט אַזוי דער גילדענער פעדער,
ווי די פּאַווע אַליין,
ווי די פּאַווע אַליין,
עס איז נישט אַזוי דער איידעם
ווי די טאָכטער אַליין. } ביס

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
אַ פויגעלע אויף דעם ים,
אַ פויגעלע אויף דעם ים,
אַזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
ביי אַ שלעכטען מאַן. } ביס

ווי עס איז ביטער, מיין ליבע מוטער,
א פויגעלע אָן א נעסט,
א פויגעלע אָן א נעסט,
אזוי איז ביטער, מיין ליבע מוטער, } ביס
שווער און שוויגער'ס קעסט.

מאַמעניו, ליובעניו.



מאמעניו, ליובעניו, קרוינעלע, הארצעלע,
שווייג שוין אַ ווײלינקע שטיל! (ביס)
לעש אין מיר מיין העלישען פייער } ביס
און גיב מיר שוין ווען איך וויל!

איך האָב זיך איינגעליבט אין אַ שיין יונגעלע,
שיין ווי אַ רענדעל גאָלד. (ביס)
אים, מאַמעניו, האָב איך געליבט } ביס
און אים האָב איך טאַקע געוואָלט.

שפּאַצירען, דושעס-לעבען, זענען מיר געגאַנגען
אַרום און אַרום דעם בולוואַר; (ביס)
אַלע מיידעלעך, שפּילען ליבעס, } ביס
און איך בין געבליבען צום נאַר.

שפּאַצירען, דושעס-לעבען, זענען מיר געגאַנגען
אַרום און אַרום דעם גראָז; (ביס)

וואָס פאַר אַן אומחן האָסטו אויף מיר
געוואָרפען, } ביס
געוואַלד, איך ווייס נישט פאַרוואָס!

אַ חלום, טאַטעניו, אַ חלום, מאַמעניו,
אַ חלום האָט זיך מיר געדאַכט; (ביס)
זיינע שיינע בעקעלעך, מיט די שוואַרצינקע
אויגעלעך, } ביס
האָבען מיך קראַנק געמאַכט!

די בוימעלעך בליען, די יאָרעלעך פליען,
די צייט גייט אַוועק מיט'ן רויך; (ביס)
אָי, זינט איך האָב זיין ליבע דערקענט, } ביס
פון וויינען האָב איך שוין קיין כח!

מיינע צרות האָבען מיך אַרומגערינגעלט,
אַזוי ווי אַ בעדנאַרזש אַ פאַס; (ביס)
היינטיגע יונגעלעך איז אַזוי פיל צו גלויבען, } ביס
אַזוי ווי דעם הונט אויפ'ן גאַס!

אַ מיידעל אין די יאָהרען.

Moderato. (מיטעל בעוועגט)



I.

איך בין שוין אַ מיידעל אין די יאָרעז,
וואָס האָסטו מיר דעם קאָפּ פאַרדרייט;
איך וואָלט שוין לאנג אַ כלה געוואָרעז, } ביס
און אפשר טאָקע חתונה געהאַט.

II.

דו האָסט מיר צוגעזאָגט נעמען,
איך האָב אויף דיר געוואַרט;
פאַרוואָס זאָלסטו, דושעניו, מיך פאַרשעמען, } ביס
צי האָסטו דיך אין מיר גענאַרט.

III.

און אפשר גייט דיר, קעצעלע, אין נדן,

I°

די מאַמע וועט כאַרקופען די שטוב;
מיר וועלען ביידע חתונה האָבעז,
ווייל איך האָב דיך ליבּ! } ביס

IV.

און אפשר ווילסטו וויסען מיין יחוס,
דער זיידע איז געוועזן אַ רב;
לאָמיר זשע ביידע חתונה האָבען,
און זאָל שוין נעמען אַ סוף... } ביס

אַ ליעד פון אַ פייגעלע.



איך גיי אַרויס אויפ'ן גאַניקעל, } ביס
דאָס שטעטעלע באַקוקען.
קומט צופליען אַ קליין פויגעלע } ביס
און טוט זיך צו מיר בוקען.

.II

נישט אַזוי דאָס קליינע פויגעלע, } ביס
ווי איר שיינער פליען.
די וואַרפט אַראָפּ מיר אַ קליין בריוועלע, } ביס
איך טו עס גלייך באַקומען.

III.

איך לייען-איבער די ערשטע שורה'לע —

דער געליבטער איז פֿאַרדאָרבען,
איך לייען איבער די צווייטע שורה׳לע
דער געליבטער איז געשטאָרבען!
קלויבט צונויף אַלע מיינע חבר׳טעס,
אלעמען אינאיינעם,
ווער ס׳האָט נאָר אַ ליבע געפֿירט
זאָל מיר העלפען וויינען!

פײגעלע איז געװען א װאוילע מויד.

Moderato (בעוועגט)



I.

פּײגעלע איז געװען אַ װאױלע מױד,
זי האָט זיך נאָך קײמנאָל נישט געליבט: (ביס)
אײנמאָל האָט זי זיך פאַר׳ן טױער געשטעלט,
דאָס האַרץ איז געװען איר באַטריבט,
איז פאַרבײ געגאַנגען אַן אָפיציר
און האָט זיך אין איר פאַרליבט.

II.

זי איז מיט אים שפּאַצירענס געגאַנגען,
זײן שװערד האָט געטאָן אַ קלונג: (ביס)
אָך און װײ איז דאָך צו מיר, } ביס
איך בין דאָך אַ ײדיש קינד.

III.

וואָס גייסט נישט אַהיים צו דיין ווייב און קינד,
זיי ווייסען דאָך נישט וואו דו ביסט; (ביס)
איך קען דאָך מיט דיר נישט חתונה האָבען
ווייל דו ביסט אַ קריסט. } ביס

IV.

אין אַ שלעכטען וועטער, צוועלף ביינאַכט,
דאָס האָט זיך דאָס אומגליק געטראָפען; (ביס)
ער האָט זי פאַר'ן טויער אָפּגעוואַרט,
און האָט זי מיט אַ מעסער דערשטאָכען. } ביס

V.

זי האָט געשריען: שוועסטער, מאַך אויף!
איך בין דאָך אין אַ גרויסער נויט; (ביס)
און איידער די שוועסטער האָט די טיר
אויפגעמאַכט
איז פויגעלע געלעגען שוין טויט } ביס

א חבר'טע.

Con pensiero. (לאנגזאם און בעטראכט)



I.

אוי, איינע צוויי ווערטער האָט ער געטאָן מיר ריידען,
אזוי האָט ער זיך איינגעליבּט אין מיר, אוי איז מיר;
אוי, גאָט זאָל אים צאָלעז איז אַלע זיינע ווענען, } בּיס
דעם תכלית, וואָס ער האָט געמאַכט פון מיר.

II.

א חבר'טע, אוי אַ חבר'טע האָב איך געהאַט אַ געטרייע
וואָס געטרייער קאָן שוין גאָרנישט זיין, אוי נישט זיין;
אוי, מיט אירע פאַלשע ווערטער האָט זי
אים צוגענומען, } בּיס
געבּליבּן בּין איך עלענט ווי אַ שטיין.

III.

אַ חבר'טע, אוי אַ חבר'טע האָב איך געהאַט אַ געטרייע,

פון אלע סעקרעטען האָט זי בײַ מיר געוואוסט,
אוי געוואוסט:

אוי, הײַנט טוט מען זינגען, אין אַלע גאַסען
קלינגען, | ביס
אַז מײַן סטראַדאַניע איז געווען אומזיסט.

IV.

חבר'טעס, זאוי חבר'טעס, נעמט זיך אַלע אינאײנעם,
אוי, נעמט אַראָפּ אַ מוסר זיך פון מיר, אוי פון מיר:
אוי, גוט זאָל אײַך היטען, אוי פון אַ פאַל-
שער ליבע, | ביס
אַזוי ווי אײנעם פון אַ יונגען טויט.

V.

אוי, הײַנט איז מיר ביטער, און צו דערצו נאָך פינסטער,
וואָס ערגער, מאַמע, קאָן שוין גאָרנישט זײַן,
אוי נישט זײַן:

אוי, אַ שטײן אויף מײַן האַרצען, אוי, װעל
איך זיך אויפהענגען, | ביס
און װעל זיך װאַרפען, אוי, אין ים אַרײַן.

VI.

אַזוי ווי איך בין אין ים אַרײַנגעפאַלען,
געוואָרען איז אַ שטורם מיט אַ ווינט, אוי אַ ווינט:
אוי, אַז מײַן מאַמע זאָל וויסען, אַז איך טו
זיך טרינקען, | ביס
געלאָפען וואָלט זי ראַטעווען איר קינד.

אַ מאָל איז געווען אַ מַעֲשֶׂה.

Andantino. (פאַמעליך)



I.

אמאָל איז געווען א מעשה,
די מעשה איז גאָר נישט פריילעך,
די מעשה הויבט זיך אָנ'עט
מיט א יודישען מלך.

ליולינקע, מיין פייגעלע,
ליולינקע, מיין קינד.
כ'האָב אָנגעוואוירען אזא ליבע,
ווי איז מיר און ווינד!

II.

אמאָל איז געווען א מלך,
דער מלך האָט געהאט א מלכה,
די מלכה האָט געהאט א ווייגגארטען,
ליולינקע, מיין קינד.

ליולינקע, מיין פייגעלע, א.ז.וו.

III.

אין ווייַנגארטען איז געווען א בוימעלע,
דאס בוימעלע האט געהאַט א צווייַגעלע,
אויפ'ן צווייגעלע איז געווען א נעסטעלע,
אין נעסטעלע האט געלעבט אַ פייגעלע.

ליולינקע, מיין פייגעלע, א.א.וו.

IV.

דער מלך איז אָפּגעשטאָרבען,
די מלכה איז געוואָרען פאַרדאָרבען,
דאָס צווייגעלע איז אָפּגעבראָכען,
דאָס פייגעלע פון נעסט אַנטלאָפען.

ליולינקע, מיין פייגעלע, א.אַ.וו.

V.

וואו נעמט מען אַזאַ לייטער,
לאַנג פון טויזענט איילען;
וואו נעמט מען אַזאַ חכם,
ער זאָל קענען די שטערען ציילען!

ליולינקע, מיין פייגעלע, א.אַ.וו.

VI.

וואו נעמט מען אַזאַ חכם,
ער זאָל קענען מיינע וואונדעז ציילען?
וואו נעמט מען אַזאַ דאָקטאָר,
ער זאָל קענען מיין הארץ הייַלען?

ליולינקע, מיין פייגעלע, א.אַ.וו.

אין דרויסען איז אַ טריבער טאָג.

Andante (פאמעליך)



אין דרויסען איז אַ טריבער טאָג,
אין שטיבעלע איז אַ פאַרע;
כ׳האָב אָפּגעלעבט מיינע יונגע יאָרען
ווי אין אַ פינסטערער כמאַרע. } ביס

ווי אַ פינסטערע כמאַרע
איז דער טאָג פון מיין געבוירען;
איך האָב געהאַט אַ טייערען דימענט
און האָב אים אָנגעוואוירען. } ביס

איך האָב אים אָנגעוואוירען
און קען אים נישט געפינען;
שטיין שטייט ער פאַר מיינע אויגען,
נאָר איך קען צו אים נישט קומען. } ביס

איך קען צו אים נישט קומען,
כ׳קען מיט אים נישט ריידען;
אוי, פון אונזער הייסער ליבע
מוזען מיר זיך צושיידען! } ביס

מ'יר מוזען זיך צושיידען,
ווי דער גוף פון דער נשמה;
אוי, קיין גוטס זאָל דער נישט האָבען,
ווער עס דערלעבט אָן אונז נקמה! } ביס

איך וועל זיצען און קלאָגען
ביז אין מיין גראָען צאָפּ,
ווייל מען האָט מיר צוגענומען
די קרוין פון קאָפּ. } ביס

די קרוין פון מיין קאָפּ,
די צווייגען פון דעם בוים;
מ'האָט דאָך מיר צוגענומען
דעם שענסטען פּארשוין! } ביס

אַלע וואַסערלעך לויפען אַוועק,
די גריבעלעך בלייבען ליידיג;
אוי, וואו נעמט מען אַזאַ מענשען,
וואָס זאָל פאַרשטיין מיין ווייטאָג? } ביס

אַזוי ווי עס איז נישטאָ קיין מענש,
וואָס זאָל קענען די שטערען איבערציילען;
אַזוי איז אויך נישטאָ קיין מענש,
וואָס זאָל קענען מיינע וואונדען היילען. } ביס

בראָנטשעלע.

Moderato. (לעבעדיג און בעוועגט)



I.

וועער קלאַפּט דאָס אַזוי שפּעט בייַנאַכט?
יאַנקעלע וואָליאַנטשיק?
— עפּען, עפּען, בראָנטשעלע,
איך בין דיין קאָכאַנטשיק! } ביס

II.

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ'האָב מורא פאַר מיין מאַמען.
— עפּען, עפּען, בראָנטשעלע,
כ'וועל זיך גאָר נישט זאַמען! } ביס

III.

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ'האָב מורא פאַר דעם טאַטען.
— עפּען, עפּען, בראָנטשעלע,
ס'וועט דיר גאָר נישט שאַטען. } ביס

IV.

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ׳האָב מורא פאַר מיין שוועסטער.
– עפען, עפען, בראָנטשעלע, } ביס
ס׳וועט זיין פאַר דיר בעסער!

V.

וי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ׳האָב מורא פאַר מיין ברודער.
– עפען, עפען, בראָנטשעלע, } ביס
מאַך נישט קיין גערודער.

VI.

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ׳האָב מורא פאַר מיין פעטער!
– עפען, עפען, בראָנטשעלע, } ביס
כ׳וועל ניט קומען שפעטער.

VII.

ווי קאָן איך דיר דען עפּענען,
כ׳האָב מורא פאַר מיין מומען.
– עפען, עפען, בראָנטשעלע, } ביס
צניט וועל איך מער נישט קומען...

גנעה איך מיר שפּאַצירען.

Andante Moderato (נישט פּאַמעליך)



I.

גיי איך מיר שפּאַצירען —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
גיי איך מיר שפּאַצירען —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
באַגעגענט מיך אַ הער — אַהאַ!
באַגעגענט מיך אַ הער — אַהאַ!

II.

ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען —
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
ער זאָגט, ער וועט מיך נעמען—
טראַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ—לאַ!
ער לייגט עס אָפּ אויף זומער — אַהאַ!
ער לייגט עס אָפּ אויף זומער — אַהאַ!

III.

דער זומער איז געקומען —
טרא—לא—לא—לא—לא—לא—לא!
דער זומער איז געקומען —
טרא—לא—לא—לא—לא—לא—לא
ער האָט מיך נישט גענומען — אהא!
ער האָט מיך נישט גענומען — אהא!

יאַמע, יאַמע.



I.

יאַמע, יאַמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר שיכעלעך האָבען,
מוז מען גיין דעם שוסטער זאָגען...
— ניין, מאַמעשי, ניין,
דו קאָנסט מיך נישט פאַרשטיין,
זי ווייסט נישט וואָס איך מיין!

II.

יאַמע, יאַמע, שפּיל מיר אַ לידעלע
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ קליידעלע האָבען,
מוז מען גיין דער שניידערין זאָגען...
— ניין, מאַמעשי... אא"וו.

III.

יאָמע, יאָמע, שפיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ היטעלע האָבען,
מוז מען גיין דער פּוצערקע זאָגען...
— ניין, מאַמעשי... אא"וו.

IV.

יאָמע, יאָמע, שפיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ פּאָר אוירינגלעך האָבען,
מוז מען גיין דעם גאָלדשמיד זאָגען...
— ניין, מאַמעשי... אא"וו.

V.

יאָמע, יאָמע, שפּיל מיר אַ לידעלע,
וואָס דאָס מיידעלע וויל —
דאָס מיידעלע וויל אַ חתנ'דעל האָבען,
מוז מען גיין דעם שדכן זאָגען...
— יאָ, מאַמעשי, יאָ,
דו קאָנסט מיך שוין פאַרשטיין —
דו ווייסט שוין וואָס איך מיין!

אַ יונגעלע פֿון פּוילען.

Allegretto. (נישט שטאַרק גיך)



I.

די מאַמע איז געגאַנגען
אין מאַרק אַריין נאָך קוילען,
האָט זי מיר געבראַכט
אַ יונגעלע פֿון פּוילען;
אוי איז דאָס אַ יונגעלע,
אַ שיינס און אַ פֿיינס,
מיט די שוואַרצע אויגעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

II.

די מאַמע איז געגאַנגען
אין מאַרק אַריין נאָך קרויט,
האָט זי מיר געבראַכט
אַ יונגעלע פֿון בויד;

אוי איז דאָס אַ יונגעלע,
אַ שיינס און אַ פיינס,
מיט די ווייסע ציינדעלעך
קעצעלע דו מיינס.

III.

איך האָב געגעסען מאַנדלקן,
איך האָב געטרונקען וויין;
איך האָב געליבט אַ יונגעלע,
איך קאָן אָן אים נישט זיין.
אוי איז דאָס אַ יונגעלע,
אַ שיינס און אַ פיינס,
מיט די שוואַרצע הערעלעך,
קעצעלע דו מיינס.

לאמיר זיך איבערבעטען.



I.

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,

שטעל דעם סאַמאָוואר; ב״ס

לאָמיר זיך איבערבעטען,

זיי זשע נישט קיין נאַר. } ב״ס

II.

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,

קויף אַ פּאָר מאַראַנצען; ב״ס

לאָמיר זיך איבערבעטען,

לאָמיר גיין טאַנצען. } ב״ס

III.

לאָמיר זיך איבערבעטען, איבערבעטען,

וואָס שטייסטו ביי דער טיר? ב״ס

לאָמיר זיך איבערבעטן, } בּיס
גיב אַ קוק אויף מיר.

IV.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
שעם זיך, עטיל־דבורה! } בּיס
לאָמיר זיך איבערבעטן, } בּיס
די צייט איז אַן עברה.

V.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
קויף אַ פונט פיסטאַשקעס, } בּיס
לאָמיר זיך איבערבעטן, } בּיס
שענק מיר דיינע לאַסקעס.

VI.

לאָמיר זיך איבערבעטן, איבערבעטן,
גענוג שוין זיין ווי גוים; } בּיס
לאָמיר זיך איבערבעטן, } בּיס
לאָמיר שרייבן תנאים.

העלף מיר גאָטעניו.

Andante. (לאנגזאם)



I.

העלף מיר, גאָטעניו, איבער'ן וואַסערל,
העלף מיר, גאָטעניו, איבער'ן בריק;
מיר דערמאָנט זיך מיין טייער לעבען,
אוּן שלאָפען שלאָף איך קיין נעכט ניט.

II.

וויפיל נ'אָוועגטלעך מיר ביידע געזעסען,
וויפיל נ'אָוועגטלעך, שפעט אין דער נאַכט;
ויפיל טרערעלעך מיר ביידע פאַרגאָסען,
אוּן אונזער ליבע צוּויסגעבראַכט.

III.

דיינע אויגעלער, שוואַרצע קערשעלעך

דיינע ליפּעלעך — צוקער־זיס ;
דיינע בּעקעלעך — ראָזע בּלומען ,
עס קומט פון דיר נאָך ביז היינט אַ קוש...

די בייקע.

Andante. (פאַמעליך)



I.

דער טאַטע איז געפאָרען אין באַלטע, (ביס)
האָט ער מיר געקויפט אַ בייקע,
האָט ער מיר געבראַכט אַ בייקע

II

וויפיל האָט ער באַצאָלט פאַר דער בייקע, (ביס)
צוויי מיט אַ האַלבען טאָלער, מאַמע, דייקע,
האָט ער באַצאָלט פאַר דער בייקע.

III.

ווער וועט דיר נייען די בייקע? (ביס)
שרה די מאָדיסטקע, מאַמע, דייקע,
די וועט מיר נייען די בייקע.

װען װעסטו אָנטאָן די בײַקע? (בּיס)
שבת נאָכ'ן קוגעל, מאַמע, דײַקע
װעל איך אָנטאָן די בײַקע

V.

װאו װעסטו גײן מיט דער בײַקע? (ב"ס
אין דעם גרינעם װעלדעל, מאַמע, דײַקע
װעל איך גײן מיט דער בײַקע.

V.

מיט װעמען װעסטו גײן אין דער בײַקע? (ביס)
מיט אַ שײנעם בחור, מאַמע, דײַקע
װעל איך גײן אין דער בײַקע.

VI.

װאָס װעט זײַן דער סוף פון דער בײַקע? (ביס)
ער װעט מיך טאַקע נעמען, מאַמע, דײַקע,
דאָס װעט זײַן דער סוף פון דער בײַקע.

ליג איך מײן קעפעלע.

Moderato (לעבהאַפט)



I.

לײג איך מיר מײן קעפעלע אויף מײן מאַמעס בעטעלע,
גײט מײן מאַמע פאַרבײ, נאָכאַנאַנד זי טוט און קוועלט:
שלאָף, מײן טעכטער'ל הארצינקע,
אויגעלעך האָסטו שוואַרצינקע,
שלאָף געזונטערהײד, שלאָף געזונטערהײד.

II.

לײג איך מיר מײן קעפעלע אויף מײן טאַטענ'ס בעטעלע,
גײט מײן טאַטע פאַרבײ, נאָכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:
שלאָף, מײן טעכטער'ל פײנינקע,
ביסט דאָך גאָר א שײניקע
שלאָף געזונטערהײד, שלאָף געזונטערהײד.

III

לייג איך מיר מיין קעפעלע אויף מיין שוויגערס בעטעלע,
גייט מיין שוויגער פארביי, נאָכאַנאַנד זי טוט און שעלט:
מיין שנור איז קיין בריה נישט,
קיין מלאכה טוט זי נישט,
נאָכאַנאַנד זי טוט אוז שלאָפט,
נאָכאַנאַנד זי טוט און עסט.

IV

לייג איך מיין קעפעלע אויף מיין מאַנס בעטעלע,
גייט מיין מאַן פאַרביי, נאָכאַנאַנד ער טוט און קוועלט:
שלאָף, מיין ווייבעלע קליינינקע,
ציינדעלעך האָסטו שיינינקע, —
שלאָף געזונטערהייד, שלאָף געזונטערהייד.

א ליעבע.

Andante Moderato (נישט פאַמעליך)



I

א ליבע, אַ ליבע איז גוט צו פירען,
מיט א מענשען, אָבער נישט מיט דיר;
געוואַלד, איך וועל דורך דיר קראַפירען, — } ביס
וואָס האָסטו דיך איינגעליבט אין מיר.

II

וואָס שטייסטו אונטער מיין פענסטער,
ווי א זעלנער פאַר דער טיר;
געוואַלד, צי בין איך דען די שענסטע. — } ביס
וואָס האָסטו דיך איינגעליבט אין מיר.

III

וועסט קריגען אַ שענערע און אַ בעסערע,
רייכער וועט זי אויכעט זיין פון מיר;
אַ בריה וועט זי אויך זיין אַ גרעסערע, } ביס
וואָס האָסטו דיך איינגעליבט אין מיר.

די מאמע האט מיר געשיקט.

Moderato. (מעסיג בעוועגט)



I.

די מאַמע האָט מיך געשיקט
קויפען אַ יאַשטשיק;
האָט זיך אין מיר פאַרליבט
אַ בחור אַ פריקאַזשטשיק.
אוי איז דאָס אַ בחור'ל אַ שיינס און אַ פיינס,
מיר פאַר זיינע ביינדעלעך, קעצעלע דו מיינס!

II.

די מאַמע האָט מיך געשיקט
קוילעז אַ הון;
האָט זיך אין מיר פאַרליבט
דעם שוחט'ס אַ זון.
אוי איז דאָס אַ שוחט'ל, אַ שיינס און אַ פיינס:
מיר פאַר זיינע ציינדעלעך, קעצעלע דו מיינס!

III.

די מאַמע האָט מיר געשיקט
פרעגען אַ שאלה;
האָט זיך אין מיר פאַרליבט
דער רב אויף אַ ווײלע.
אוי איז דאָס אַ רב׳לע, אַ שײנס און אַ פײנס;
מיר כאַר זיין שפּיץ יאַרמעלקעלע, קעצעלע דו מײנס!..

אוועק די יונגע יאהרען.

Moderato. (מיטעל בעוועגט)



I.

אויפ'ן בארג, איבער'ן בארג
פליען טויבען=פארען; (ביס)
איך האב נאך גאר קיין נחת נישט געהאט,
ס'זיינען אוועק מיינע יונגע יארען. } ביס

II.

שפאנט זשע מיר, ברידער,
די שווארצע קארע פערד,
און לאמיר לויפען, פארען, (ביס)
אפשר וועל איך נאך קאנען אומקערען,
מיינע יונגע יארען. } ביס

III.

כ'האב באגעגענט, מיינע יונגע יארען,
אויף דעם ברייטען בריק. (ביס)

— יאָרען, יאָרען קערט זיך אום
כאָטש אין געסט צוריק! } ביס

IV.

— ניין, ניין, מיר וועלען נישט גיין,
ס'איז נישטאָ צו וועמען; (ביס)
האָסטו געזאָלט יונגערהייד
אונז נישט פאַרשעמען... } ביס

אין ווילדען וואַלד אַליין.

Moderato (לעבהאַפט)



I.

וואָס טוט דאָס מיידעל אין וואַלד אַליין? —
אַזוי זאָגט ער.
וואָס טוט דאָס מיידעל אין וואַלד אַליין.
און ווער דאָרט איז און וואָס דאָרט איז?
אין ווילדען וואַלד אַליין, אין ווילדען וואַלד אַליין.

II.

איך בין געקומען רויזען קלייבען —
אַזוי זאָגט זי.
איך בין געקומען רויזען קלייבען,
זאָל דער הער מיט מיר פאַרבלייבען
אין ווילדען וואַלד אַליין (ביס)

III.

איך קאָן דאָס פאַר מיין פערד נישט טאָן —

אַזוי זאָגט ער.
איך קאָן דאָס פּאַר מייז פערד נישט טאָן,
צוז ווער דאָרט איז א. א. וו.

IV.

לאָז דיין פערד לויפען—אַזוי זאָגט זי.
לאָז דיין פערד לויפען. וועסט אַן אנדער קויפען
אין ווילדען וואַלד אַליין. (בּיס)

V.

איך קאָן דאָס פּאַר מיין הונט נישט טאָן —
אַזוי זאָגט ער.
איך קאָן דאָס פּאַר מיין הונט נישט טאָן
און ווער דאָרט איז און וואָס דאָרט איז א : וו

VI.

לאָז דיין הונט בילען!—אַזוי זאָגט זי.
לאָז דיין הונט בילען, מיר וועלעןביידע שפּילען
אין ווילדען וואַלד אַליין. (בּיס)

VII

אָ, דו מיידעל, דו ביסט בלינד —
— אַזוי זאָגט ער
אָ, דו מיידעל, דו ביסט בלינד:
— איך דיין פּאָטער, דו, מיין קינד,
אין ווילדען וואַלד אַליין. (בּיס)

דער נייער שער.

Moderato. (מעסיג בעוועגט)



I.

שפּילט זשע מיר דעם נייעם שער,
וואָס איז אַרויסגעקומען;
איך האָב מיך פֿאַרליבט אין אַ יונגעלע אַ שיינעם
און קאָן צו אים נישט קומען.
איך וואָלט צו אים געקומען,
זיצט ער זעהר ווייט;
איך וואָלט דאָך אים אַ קוש געגעבען,
שעם איך מיר פֿאַר לייט;
נישט אַזוי פֿאַר לייט ווי פֿאַר גאָט אַליין

איך וואלט מיט אים פאַרבראַכט די צייט,
אַז קיינער זאָל נישט זען.

II.

שפּילט זשע מיר דעם נייעם שער,
וואָס איז אַרויסגעקומען;
איך האָב מיך פארליבט אין אַ יונגעלע אַ שיינעם
און קאָן צו אים נישט קומען.
קום זשע צו מיר גיכער,
איך וואַרט אויף דיר שוין לאַנג;
קום זשע גיך אַריבער,
מען זאָל נישט הערען דיין גאַנג.
פיר איך דיך אין שטיבעלע פון מייז מאַמעז אַליין;
חתן־כלה וועלען מיר זיין,
און צו דער חופּה גיין.

פּישעלעך קויפען.



ביז איך מיר געגאַנגען פישעלעך קויפען,
האָב איך מיר געקויפט אַ העכט;
און ווער עס איז שולדיג אין אונזער ליבע,
דער זאָל אויסגיין ווי אַ לעכט! (צוזינג)

II.

פון קיין שטיינער, און קיין ציגעל
קאָן מען קיין הויז ניט מויערן;
עס איז נישט פאַרהאַנען קיין מענש אויף דער וועלט,
וועך עס זאָל מיך נישט באַדויערן. (צוזינג)

אוי אברהם!

Con brio. (מיט'ן קנאַק)



I.

אוי, אברהם, איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר קענען מיר ביידע נישט זיין:
געדענקסטו, געדענקסטו ביי דעם טויער,
האָסטו מיר געזאָגט אַ סוד אין אויער;
אוי, וויי, רבקה'ניו, גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

II.

אוי, אברהם, איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר איז ווי אַ קליאמקע
אָן אַ טיר.
געדענקסטו, געדענקסטו אויף דעם בולוואַר,
איך דער קלוגער און דו דער נאַר;
אוי וויי, רבקה'ניו,
גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

III.

אוֹי, אַבראַם, איך קען אָן דיר נישט זיין,
איך אָן דיר און דו אָן מיר קענען מיר ביידע נישט זיין!
געדענקסטו, געדענקסטו דאָס רויטע קלייַדעל,
אוֹי, בין איך געווען אַ שייַן מיידעל
אוֹי ווייַ, רבקה'ניו,
גיב זשע מיר דאָס פּיסקעניו!

אבטײלונג II.

פאָלקסטימליכע לידער.

אין חדר.

Andante (פריי אבער פאַמעליך)



קום אַהער, יונגעלע, נטנטער צו מיר
און טו א קוק אין די קליינע אותיות'לעך,
טייערע אותיו'לעך, גאָלדענע אותיו'לעך,
גיכער, גיכער, קום אַהער!
האָב קיין מורא נישט, שרעק זיך ניט.



אָט אַזוי, זעט זיך אודעק און הער א יס מיט קאָפּ.

זעט זיך! אָט אַזוי הער זיך צו:

קמץ אלף אָ, קמץ בית — באָ, קמץ גימל — גאָ,
קמץ דלת דאָ.

פּתח אלף — אַ, פּתח בית — באַ, פּתח גימל — גאַ, פּתח
דלת — דאַ.

אָט אַזוי, יונגעל'ע, אָט אַזוי דאַרף מען לערנען,



יונגעלע, אָי וויי, טייער יונגעלע,
טו אַ קוק אין סידור און זאָג נאָך אַ אמאָל
קמץ אלף — אָ, קמץ בית — באָ. העכער!
שטאַרקער! אָ, באָ. אָט אזוי דאַרף מען לערנען, יונגעלע
אָ, באָ, גאָ, דאָ, העכער, שטאַרקער!
אָט אזוי דאַרף מען לערנען, יונגעלע: אָ, באָ, גאָ,
אָט אזוי, פריילעכער, לעבעדיגער, גענאַרניק,
אָט אזוי, יונגעלע, דאַרף מען לערנען תּורה,
תּורה איז די בעסטע סחורה.
וואָלסט געווען אַ טייער יונגעלע, זאָלסט ניט
זיין אַ גענאַרניק,
יאָ ביסטו אַ גענאַרניק יונגעלע.

גענוג שוין, פאַרמאַך דעם סידור.
ביסט פריי!
געדענק מייז קינד׳ אַ יוד דאַרף לערנען תורה.
אזוי זאָגט אונז דער הייליגער בורא.
אַז מען וועט דיך פרעגעז, וואָס האָסטו געטאָן איז חדר
זאָלסטו זאָגען, האָסט געלערנט תורה,
געדענק, תורה׳ נאָך אַמאָל —תורה.
תורה, תורה, תורה.

העמערעל.

Moderato (נישט גאָר גיך)



אָ, העמערעל, העמערעל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער אַ טשוועק נאָך אַ טשוועק!
קיין ברויט איז אין שטוב שוין ניטאָ,
נאָר צרות און לייד אָן אַן עק!

אָ, העמערעל, העמערעל, קלאַפּ!
עס שלאָגט שוין דער זייגער באַלד צוועלף—
די אויגען, זיי מאַכען זיך צו, —
גיב כח, אָ גאָטעניו, העלף!..

אָ, העמערעל, העמערעל, קלאַפּ!
שלאָג שטאַרקער די טשוועקעס, שלאָג גיך;
ביז מאָרגען מוז פאַרטיג שוין זיין
דער גבירה'טעס טאָכטער'שעס שיך.

אָ, העמערעל, העמערעל, קלאַפּ!
ניט גליטש פון מיין האַנט זיך אַרויס!
מיין איינציגער שפייזער ביסטו,
פון הונגער אָז דיר גיי איך אויס!..

שטערנדעל.

Andante moderato (נישט גיך)



I.

שטערענדעל, שטערענדעל,
בלויער שטאָפּעטעלע,
זיי מיר אַ שליח׳ל,
פאַל אין מייז שטעטעלע.

II.

זען ווערסט אַ געסעלע,
נאָכדעם אַ גריבעלע,
דאָרטען געפינט זיך
מיין חרוב׳ע שטיבעלע.

III.

עלענט, אַליין, ביי דער
פינסטערער שייבעלע,

זיצט דאָרט פאַרטרויערט
אונ דאגה'ט מיין ווייבעלע. } ביס

שטערענדעל א. צ. וו.

IV.

טרייסט איר, דו שטערענדעל,
לייכט איר אין שטוב אַריין.
זאָג איר, דער אויבערשטער
וועט זיך מרחם זיין. } ביס

V.

פרעג: וואָס מאַכט יענקעלע,
לאה'צע און ריבה'לע;
זאָג זיי: איך וויין אוז
איך קוש זייער בריוועלע.

שטערענדעל א. צ. וו.

VI.

זאָג זיי, אַז יענקעלען
זאָל מען ניט זשאַלעווען,
געבען אין חדר,
גענוג אים צו באַלעווען. } ביס

VII.

זאָל ער זיך אויסלערנען
קדיש ווי ס'דאַרף צו זיין,
אפשר... מען ווייס ניט...
נאָר גאָט וועט מרחם זיין!

VIII.

שטערענדעל, שטערענדעל,
בלויער שטאַפעטעלע,
זיי מיר אַ שליח'ל,
פאַל אין מיין שטעטעלע. } ביס

מאַרגאַריטקעלעך.

Moderato. (גראַציעז בעוועגט)



אין וועלדעל בײם טייכעל, דאָרט זענען געוואַקסען
מאַרגאַריטקעלעך, עלענט און קליין—
ווי קליינינקע זונען מיט ווייסינקע שטראַלעך,
מיט ווייסינקע טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

געגאַנגען איז חוה׳לע שטיל און פאַר׳חלום׳ט,
צולאָזען די גאָלד־בלאָנדע צעפּ, —
דאָס העלזעל אַנטבלויזט און געמורמעלט־געזונגען
אַ לידעלע: טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

דאָ קומט איר אַנטקעגען אַ בחור אַ שוואַרצער,
מיט לאָקען מיט שוואַרצע, ווי פּעך;
ער פלאַמט מיט די אויגען און ענטפערט איר לוסטיג,
און ענטפערט איר: טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— וואָס זוכסטו דאָ, מיידעל? וואָס האָסטו פאַרלוירען?
וואָס ווילסטו געפינען אין גראָז?

„איך זוך מאַרגאַריטקעס״,—פאַררויטעלט זיך חוה,
פאַררויטעלט זיך טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאַקי געפונעז
די שענסטע מאַרגאַריטקע אין וואַלד,
אַ מאַרגאַריטקע מיט צעפּ און מיט אויגע סאַפּירען,
מיט אויגעלעך טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— ניין, כ׳האָב שויז מאַרגאַריטקעס, איך האָב זיך
פאַרגעסען —
איך זוך... דאָ נישט ווייט איז אַ קוואַל...
דער קוואַל איז געשלאָסען, אָן מיר בלייבסטו
דורשטיג,
ביים קוועלכעלע טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— איך וויל גאָרנישט טרינקען, איך זוך מיך אַ שאָטען
די זון באַקט אַריין אַזוי הייס...
— מיינע האָר זענען שוואַרצער און קילער ווי שאָטענס
אין וועלדעלע טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— אָ, לאָז מיך, מען טאָר נישט; די מאַמע זאָגט,
מ׳טאָר נישט!
מיין מאַמע איז אַלט און איז בייז.
— וואו מאַמע? וואָס מאַמע? דאָ זענען נאָר בוימער,
נאָר בוימעלער טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— „מען זעט״ — קיינער זעט נישט, „מעז הערט!״ —
קיינער הערט נישט
דאָס וועלדעל איז בלינד און געדיכט.
אומאַרעם מיך, זיסע, דו זעסט, איך בין רואיג
איך קוש דיך נאָר—טראַ־לאַ־לאָ־לאָ.

— דו ליבסט מיך?—„איך ליב דיך!"—„דו שעמסט דיך?"
„איך שעם מיך!"
— אָ, ליב מיך און שעם דיך און שווייג.
און זע ווי עס מישען זיך פעך=שווארצע קרויזע
מיט גאָלדענע... טראַ=לאַ=לאָ=לאָ.

די זון איז פארגאנגען, דער בחור—פארשוואונדען
און חוה'לע זיצט נאָך אין וואלד.
זי קוקט אין דערווייטענס און מורמעלט פאר'חלום'ט
דאָס לידעלע: טראַ=לאַ=לאָ=לאָ...

צוליב דער גרויס פון ליד קאָן דער זינגער דעם 8=טען אין 9-טען פערז ארויסלאָזען. דער זינגער קאָן אויך ביי דער רעפעטיציע „ווי קליינינקע זו-גען" און אזוי ביי די אנדערע פערזען זינגען צום 2-טען מאל די מעלאדיע, אזוי ווי עס ווייזען ד קליינע נאטעלעך.

מאַי קאַ משמע לן?

Moderato. (נישט גאר גיך)



מאַי קאַ משמע לן דער רעגען?
וואָס'זשע לאָזט ער מיר צו הערען?
זיינע טראָפּענס אויף די שויבען
קויקלען זיך, ווי טריבע טרערען.

און די שטיוועל איז צוריסען,
און עס ווערט אין גאַס אַ בלאָטע;
באַלד וועט אויך דער ווינטער קומען—
כ'האָב קיין וואַרימע קאַפּאָטע...

. . . .

מאַי קאַ משמע לן דאָס ליכטעל?
וואָס'זשע לאָזט עס מיר צו הערען?
ס'קאַפּעט און עס טריפט איר חלב
און ס'וועט באַלד פון איר נישט ווערען.

אַזוי צאַנק איך דאָ אין קלייזעל,
ווי אַ ליכטעל, שוואַך און טונקעל,

ביז איך וועל אַזוי מיר אויסגיין
אין דער שטיל אין מזרח־ווינקעל...

. . . .

מאַי קאָ משמע לן דער זייגער?
וואָס'זשע לאָזט ער מיר צו הערען
מיט זיין געלבען ציפּער־בלעטעל,
מיט זיין קלינגען, מיט זיין שווערעז?

ס'איז אַן אָנגעשטעלטע כלי,
ס'האָט קיין לעבען, קיין געפילען,
קומט די שעה, דאָ מוז ער שלאָגען
אָן זיין רצון, אָז זיין ווילעז...

. . . .

מאַי קאָ משמע לן מיין לעבען?
וואָס'זשע לאָזט עס מיר צו הערעז?
כוילען, וועלקען אין דער יוגענט,
פאַר דער צייט פאַרעלטערט ווערעז.

עסען טעג און שלינגען טרערען,
שלאָפען אויפ'ן פּויסט דעם האַרטען,
טויטען דאָ די „עולם הזה"
און אויף עולם הבא וואַרטען..

בעריאָזקעלע.

Lento (פאַמעליך מיט אנדאכט)



I.

דוֹאיג, רוֹאיג שאָקעלט איר געלאָקטעס גרינעס קעפּעל
מייַן ווייסינקע בעריאָזקעלע און דאַווענט אָן אַ שיעור;
יעדעס, יעדעס בלעטעלע איר'ס שעפּטשעט שטיל אַ תפילה
זייַ שוין, קלייַן בעריאָזקעלע, מתפּלל אויך פאַר מיר.

II.

איך בין דאָאָן עלענטער געקומען פון דער ווייטען,
פרעמד איז מיר דער גאָט פון דאָן׳ און פרעמד
איז מיר זיין שפראַך;
נישט ער וועט מיין טרויער זען און נישט פאַרשטיין
מיין תפילה,
כאָטש איך וועל מתפלל זיין, מתפלל זיין אַ סך.

III.

פון ווייטען מערב האָט זיך טרויעריג פאַר׳גנב׳עט
אין די דינע צווייגעלעך א ראָזער צאַרטער שטראַל;
און א שטילען קוש געטאָן די בלעטעלעך די קליינע,
וועלכע האָבען דרעמלענדיג געהאָרכט דעם נאַכטיגאַל.

IV.

פון די ווייטע פעלדער איז א ווינטעלע געקומען
און דערציילט זיי בלעטלעך לעגענדעס אָן א שיעור.
עפּעס האָט אין הארצען טיף ביי מיר גענומען בענקען
זיי שוין, קליין בעריאָזקעלע, מתפלל אויך פאַר מיר.

אויף דעם בוידעם שלאָפט דער דאַך.

Andante. (פאָמעליך)



I.

אויף דעם בוידעם שלאָפט דער דאַך
צוגעדעקט מיט שינדעלעך;
און אין וויגעל ליגט אַ קינד
נאַקעט גאָר אָן ווינדעלעך

האָפּ, האָפּ, אַט אַזוי,
עסט די ציג פון דאַך דעם שטרוי;
האָפּ, האָפּ, אַט אַזוי

II.

אויפ'ן בוידעם שטייט אַ וויג,
וויגט זיך דאָרט אַ שפּין אין איר;
ציט ער פון מיר דאָס חיות אויס
אוז דעם דלות לאָזט ער מיר

האָפּ, האָפּ א. אַ. וו.

III.

אויפ׳ן בוידעם שטייט אַ האָן
און זיין קאַם איז פייער־רויט;
זאָל מיין ווייב ערגעץ באָרגען
פאַר די קינדער אַ שטיקעל ברויט.
האָפּ, האָפּ, א. א. וו.

דריי נעהטאָרינס.



די אויגען רויט, די ליפען בלוי,
קיין טראָפען בלוט אין באַק נישטאָ,
דער שטערן בלאַס, באַדעקט מיט שוויס,
דער אָטעם אָפּגעהאַקט און הייס —
עס זיצען דריי מיידלעך און נייען!

. . . .

די נאָדעל — בלאַנק, די לייוואַנד — שניי,
אין איינע טראַכט: איך ניי און ניי!
איך ניי ביי טאָג, איך ניי ביי נאַכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאַכט!
וואָס קומט אַרויס איך ניי?

ניט איך שלאָף, און ניט איך עס...
איך וואָלט געגעבן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיט:
אַן אַלמן כאָטש, אַן אַלטער יוד,
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

. . . .

די צווייטע טראַכט: איך ניי און שטעפּ
און שטעפּ מיך אויס נאָר גרויע צעפּ!
דער קאָפּ—דער ברענט, די שלייף— די האַקט
און די מאַשין — קלאַפּט צו צום טאַקט:
— טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פאַרשטיי דאָך יענעמ׳ס ווינק?
אָן אַ חופּה, אָן אַ רינג,
וואָלט געווען אַ שפּיל, אַ טאַנץ,
אַ ליבע אויף — אַ יאָר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

. . . .

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך ניי מיר קראַנק, איך ניי מיר בלינד!
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדען שטאָך —
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינש אים נישט קיין שלעכטס!

עט, פאַרגעסען וואָס אַמאָל!..
תּכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויף אַ קליינטשיק פּיצעל ערד,
איך וועל רוען אומגעשטערט,
איך וועל שלאָפען, שלאָפען!

סלושאַי.

פֿון גאַלין מילער
איבערזעצט פֿון אַנ-סקי.



ווי שוואַרצע מחשבות ביים מסור אין זינען,
איז פינסטער פון טיף-הערבסט די נאַכט,
נאָך שוואַרצער פאַר איר איז די תפיסה, דער בניז;
וואָס שטייט ווי אַ דמיון פאַרטראַכט.

עס גייען אום רונד און אַרום איר די וועכטער
און ס'ציט זיך דער לאַנגזאַמער שריי,

ווי עמיצער שרייט אונטער מעסער ביים שעכטער:
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

כאַטש הויך איז די וואַנט אַרום פינסטערן מויער,
די שלעסער — געגאָסענע שטאָל,
כאַטש אַלץ איז פאַרזונקען אין אומעט און טרויער
מען הערט נישט קיין מענשליכען קול. —
און דאָך איז די תפיסה נאָך ווייט נישט געשטאָרבעז,
דו, וועכטער, פאַרדרעמעל נישט זיי,
נישט גלויב, אַז איז תפיסה שלאָפט רואיג אַ קרבן!
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

אָט שטייט דער פאַרהאַפטער ביים פענסטער דעם הויכען,
דער קאָפ ביי דער גריל, שטאַרק פאַרטראַכט.
די ברענענדע אויגען פון פנים דעם בלייכען
פאַרזונקען אין חושך פון נאַכט.
ס'איז שטיל... נאָר עס שרייט ווען־נישט־ווען אויס אַ שפּאַרבע
צי ס'הערט זיך אַ הונט'ס בילעריי
און ס'ציט זיך דער ניגון, דער טרויעריג־האַרבער:
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

„נישט טעג און חדשים, נאָר יאָרען און יאָרען
„זיץ איך דאָ אין תפיסה פאַרשמידט!
„מיין האַרץ איז אָן פרייהייט צעווייטאָגט געוואָרען...
„ניין! ליידעז מער קען איך שויז ניט!
„אָט דאָרט, הינטער וואַנט, איז די הייליגע פרייהייט,
„און דאָ—נאָר אַ שפּיז אָדער בליי!
„אָ, פינסטערע נאַכט, דו באַווייז מיר דיין טרייהייט!!"
סלו־שאַ־אַי! סלו־שאַ־אַי!!

אַ שפּרונג און אַ פֿאַל... גיכע טריט... אַ געררודער...
אַ קנאַק און אַ בליאַסק און אַ שאָס!...
אַ מענש האָט פֿאַרגאָסעז דאָס בלוט פֿון זיין ברודער
און פֿרעגט אים, און פֿרעגט אים „פּאַרוואָס!"
עס הערט זיך דעם שטאַרבענדענס לעצטע יללה:
„אָ! פֿרייהייט!.. אָ! לעבען!.. פֿאַרביי!.."
עס ענטפֿערט אויף דעם נאָר אַ שימף און אַ קללה...
סלו-שאַ-אַי!! סלו-שאַ-אַי!!
עס האָט דורך דעם וואָלקען די בלייכע לבנה
געגעבעז פֿון הימעל אַ בליק,
און ווי אַ פֿאַרצאָגטע פֿאַרוויינטע אלמנה
באַהאַלטען דאָס פּנים צוריק.
און ווידער אין תּפיסה איז אַלץ ווי געשטאָרבען,
און ס'יאָמערט דער קול אויף דאָס ניי;
ווי עמיצער קלאָגט אויף דעם קבר פֿון קרבן:
סלו-שאַ-אַי!! סלו-שאַ-אַי!!

80-ער און 70-זי.



I.

ס'איז היינט אַכוראַט געוואָרען 50 יאָר,
אַז זיי לעבען אינאיינעם—דאָס אַלטע פּאָר:
זיי האָבען זיך געעלטערט—קוקט אייך צו—
אַכציג ער און זיבעציג זי

II.

כאָטש דער זיידע מיט דער באָבע זענען קורץ און קליין,
נאָר דער זיידע מיט דער באָבע זענען מלא חן.
ער מיט'ן שפּיצעדיגען בערדעלע, מיט'ן גוידערעל—זי—
אַכציג ער און זיבעציג זי.

III.

גאָט האָט זיי מיט עושר און כבוד באַגליקט,
אין לעבען האָבען זיי זיך קיינמאָל נישט געירגט.
נאָר „נאָטעלע", נאָר „באָבעל־ע" רופען זיי זיך צו—
אַכציג ער און זיבעציג זי.

IV.

זיי זענען היינט געגאַנגען ביידע אין שול

אויפגעגאָסען האָט דאָס אייניקעל—איך זאָג אייך א שאַך:
יענטעלע די שווארץ־חנ׳עווריגע אָט אָ די —
אכציג ער און זיבעציג זי.

VII.

דער עולם האָט זיך קיין עין־הרע געזעצט צום טיש,
און אז מען האָט נאָר אויפגעגעבען די פייערדיגע פיש,
האָט א דרשה געזאָגט רב הערשעלע צבי —
אכציג ער און זיבעציג זי.

VIII.

ווי דער זיידע איז געווען תמיד א פרומער יוד,
יודען טאָן גוטס איז ער קיינמאָל נישט מיד;
דערפאר העלפט אים גאָט אי שפעט אי פרי —
אכציג ער און זיבעציג זי.

IX.

און ווי די באבע איז געווען א ווייבעלע מלא־חן
און האָבען דאָרט געדאווענט אקי פיל;
גאָט האָט זיי געהאָלפען — ברוך הוא. —
אכציג ער און זיבעציג זי.

V.

פון דער שול זענען אהיים געגאנגען גלייך
אויפ׳ן טיש איז שוין געשטאנען לעקאך א סך;
און די אייניקלעך האָבען געווארט שוין פון אין
דער פרי.—
אכציג ער און זיבעציג זי.

VI.

דער זיידע האָט זיך געוואַשען פון דער זילבערנער טאַץ,

דאָס צירונג פּאַסט איר נאָך איצטער, זאָגט אַליין:
די באָבע האָט געטאָן אַ שמייכעל דערצו —
אַכציג ער און זיבעציג זי.

X.

דער עולם האָט גענומען צו ביסלעך ווײַן,
און דעם זיידן מיט דער באָבע איז ראָד אַרײַן:
די אייניקלעך האָבן געפּליעסקעט צו —
אַכציג ער און זיבעציג זי.

XI.

מען האָט געזען, דער עולם זאָל זיך נישט פרי צוגיין,
דער פעטער לייבוש האָט זיך געלאָזט אַ קאָזאַק אַליין;
די מומע סאָסי איז געגאַנגען אַקעגען אויף איין קני —
אַכציג ער און זיבעציג זי.

XII.

אַזוי האָבן זיי געהוליעט ביז האַלבער נאַכט...
— „באָבעלע, זאָגט דער זיידע, אַ גוטע נאַכט!
שלאָף מיר געזונט און דעק זיך גוט צו —
אַכציג ער און זיבעציג זי.

XIII.

דער זיידע איז געווען שוין זייער אַלט,
איז ער אַנטשלאָפן געוואָרן באַלד...
די באָבע האָט נישט געקאָנט מאַכן די אויגן צו —
אַכציג ער און זיבעציג זי.

XIV.

די האָט זיך דערמאָנט אָט אָ דאָ ליגענדיק איז בעט,
ווי בעז האָט איר „באָטען" פאַר אַ חתן גערעדט...

אַ מופלג איז ער געוועז און שיין דערצו —
אַכציג ער און זיבעציג זי.

XV.

די באָבע האָט אָנגעהייבען צו דרעמלען מיט אַ מאָל,
איר חלום וועל איך אייך דערציילען אַז אַנדערש מאָל;
לאָמיר זיי ביידען לאָזען צורו —
אַכציג ער או זיבעציג זי...

אבטײלונג III.

רעליגיעזע, חסידישע מתנגדישע און

פילאזאפישע פאלקס־לידער.

קדיש.

Recitativo (ברייט רעליגיעז)



גוטער מאָרגען דיר, רבונו של עולם!

איך, לוי יצחק בן שרה מבארדיטשעוו,

בין איך געקומען צו דיר מיט א דין תורה

פון דיין פאָלק ישראל.

וואָס האָסטו צו דיין פאָלק ישראל?



וואס האסטו זיך אָנגעזעצט אויף דיין פאָלק ישראל?
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז אמור אל בני ישראל,
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז צו אל בני ישראל,
אַז וואו נאָר אַ זאַך, איז דבר אל בני ישראל,
טאַטעניו! כמה אומות יש בעולם:
פרסים, בבלים, אדומים.



די רוסלענדער וואָס זאָגען?
אַז זייער קייזער איז קייזער;
די דייטשלענדער וואָס זאָגען?
אַז זייער מלכות איז מלכות
און די ענגלענדער, וואָס זאָגען?
אַז זייער מלכות איז קייזער.
און איך, לוי יצחק בן שרה מבארדיטשעוו, זאָגט
יתגדל ויתקדש שמי רבה!
און איך לוי יצחק בן שרה מבאַרדיטשעוו זאָגט
לא אזוז פה ממקומי,
איך וועל מיך פון אָרט נישט רירען,
און אַן עק זאָל דאָס נעמען,
און אַ סוף זאָל צום גלות נעמען
יתגדל ויתקדש שמי רבה!

א דודעלע.

Andante con moto. (רעליגיעז)



רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, רבונו של עולם,
רבונו של עולם, כ׳וועל דיר א דודעלע זינגען
דו-דו-דו, דו-דו —



איה אמצאך, ואיה לא אמצאך!
וואו קאָן איך דיך יאָ געפינען,
און וואו קאָן איך דיך נישט געפינען!
דו-דו-דו, דו-דו —

אז וואו איך גיי — דו!
און וואו איך שטיי — דו!
רק דו, נאָר דו, ווידער דו, אבער דו —
דו-דו-דו, דו-דו!

איז עמיצען גוט — דו!
חלילה שלעכט — אַי דו
אָי, דו־דו־דו־דו־דו־דו!
דו־דו־דו־דו־דו־דו!

מזרח—דו, מערב—דו!
צפון—דו, דרום—דו
דו־דו־דו,
דו־דו־דו,
דו־דו־דו!

שמים—דו, ארץ—דו,
מעלה—דו, מטה—דו!
דו־דו־דו, דו־דו־דו.

דו־דו־דו, דו־דו־דו, דו דו דו!
וואו איך קער מיך וואו איך ווענד מיך —
דו — דו!!!

מאירקע מיין זוהן.



I.

מאיר'קע מיין זון,
מאיר'קע מייז זון,
מאיר'קע מייז זון.
צי וויסטו ווער דו ביסט? (ב"ס)

— הנני העני ממעש, טאַטעניו,
הנני העני ממעש, טאַטעניו,
הנני העני ממעש, טאַטעניו.

II.

מאיר'קע מיין זון א. אַ. וו.
צי ווייסטו פאַר ועמען דו שטייסט? (ב"ס)
— לפני מלך מלכי המלכים, טאַטעניו א. אַ. וו.

III.

מאיר'קע מיין זון א. אַ. ו.

וואָס ווילסטו אויסבעטען ביי אים? (בּיס)

— בני חיי מזוני, טאַטעניו, א. אַ. ו.

IV.

מאיר'קע מיין זון א. אַ. ו.

צו וואָס דאַרפסטו בני? (בּיס)

— בנים עוסקים בתורה, טאַטעניו א. אַ. ו.

V.

מאיר'קע מיין זון א. אַ. ו.

צו וואָס דאַרפסטו חיי? (בּיס)

— כל החיים יודוך, טאַטעניו א. אַ. ו.

VI.

מאיר'סע מיין ווי א. אַ. ו.

צו וואָס דאַרפסטו מזוני? (בּיס)

— ואכלת ושבעת וברכת, טאַטעניו א. אַ. ו.

מְלַוֶה-מַלְכָּה.



I.

אָ, ברודער זאָג,
ווי הייסט דער טאָג,
ווען מיר אַלע זענעז פרייליך?
דער יודעלע דער קליינער, |
דער כּשר'ער דער שיינער | ביס
איז דאָך דאַן אַ מלך? |

II.

שבת אַליין
קומט צוגייז,
זייט זשע פֿרייליך אַלע!
טאַנץ, קינדער, |
יעדער באַזונדער | ביס
לכּבוד דער הייליגער כּלה! |

III.

דאָס איז קלאָר,
ווי אַ האָר,
אַז שבת איז די כלה;
דער חתנ'דל דער שיינער
איז נישט קיינער,
נאָר מיר יודען אַלע. } ביס

IV.

ווער עס טראַכט
אוי חוזק מאַכט
פון דער כלה־חתן,
דער וועט טאַקי
עסען אַ מכה
פון דער סעודה לויתן! } ביס

ער זאָל לעבען.

Andantino (פאַמעליך)



ער זאָל זיין אַ בעטער פאַר זיינע חסידים,
בים באַם, בים באַם, בים באַם, באַם,
פאַר זיינע כשר'ע תלמידים,
בים=באַם, בים=באַם, בים=באַם, באַם!
פאַר זיינע כשר'ע תלמידים,
בים=באַם, בים=באַם, בים=באַם, באַם!

II.

שלמה, נתן, חיים, זיינדעל,
בים=באַם א. אַ. וו.
בערעל מיט זיין גאַנץ געזינדעל, } ביס
בים=באַם א. אַ. וו.

III.

ער זאָל זיין אַ בעטער גאָר אַ הייסער
בים=באַם א. אַ. וו.

ער זאָל זיך מיען ביי אונזער קייזער, } ביס
בים=באַם א. אַ. וו.

IV.

איינע פון די קלענסטע זאַכען,

בים-באַם א. אַ. וו.
דעם אַקציז פוו בראָנפען אַורעקצומאַכען, } ביס
בים=באַם א. אַ. וו.

V.

עס ועט דאָך זיין אַ פריילך לעבען,
בים=באַם א. אַ. וו.
מעו ועט טרינקעו בראָנפען לכבוד דעם רבין, } ביס
בים=באַם א. אַ. וו.

די אלטע קשיא.

Largo (רוהיג און פאַמעליך)



פרעגט די וועלט אַן אַלטע קשיא:
— טראַ-לאַ-טראַ-די-רי-די-ראָם?
ענטפערט מען:
טראַ-די-רי-די-ריי-לאָם!
און אז מען וויל קאָן מען דאָך זאָגען:
— טריי-דים!
בלייבט דאָך ווידער די אַלטע קשיא:
— טראַ-לאַ-טראַ-די-רי-די-ראָם?
ענטפערט מען:—

ס'איז ניטא קיין נעכטען.

Moderato. (לעבהאפט)



I.

ס'איז ניטאָ קיין נעכטען,
ס'נאָך ניטאָ דער מאָרגען;
ס'איז נאָר דאָ אַ פּיצעלע היינט,
שטערט איהם ניט מיט זאָרגען.

} ביס

צוזינג.

II.

כאַפּט אריין אַ שנעפּסעל,
כל זמן איר זענטביים לעבען;
איה"ש אויף יענער וועלט
ווערט מען אייך נישט געבען.

צוזינג.

דער פּילאָזאָף.



קום אַהער, דו פּילאָזאָף,
מיט דיין קעצישען מח'ל,
קום אַהער צום רבי'נס טיש
און לערן זיך דאָ שכל.

בים באַ באָם א. אַ. וו.

אַ דאַמף־שיף האָסטו אויסגעטראַכט
און נעמסט דערמיט זיך איבער;
דער רבי שפּרייט זיין טיכעל אויס
און גייט דעם ים אַריבער.

בים באַ באָם א. אַ. וו.

אַן אייזען־באַן האָסטו אויסגעקלערט,
און מיינסט דו ביסט אַ חריף;
דער רבי שפּעט, דער רבי לאַכט,
ער דאַרף דאָס אויף כפּרות.

בים באַ באָם א. אַ. וו.

צי ווייסטו דען, וואָס דער רבי טוט
בעת ער זיצט ביחידות? —
אין איין מינוט ער אין הימעל פליט,
און פּראַוועט דאָרט שלוש סעודות.

בים באַ באָם א. אַ. וו

אבטײלונג IV.

הומאָריסטישע און פאַמיליען־
לידער

אַ חַזן אויף שַבָּת.



איז געקומען אַ חזן אין אַ קליינעם שטעטעל
דאַווענען אַ שבת,
דאַווענען אַ שבת,
זענען אים געקומען הערען די דריי שענסטע בעלי



בּתּים פון דעם שטעטעל,

די דריי שענסטע בעלי־בּתּים פון דעם שטעטעל:
איינער א שניידערל, דער אנדערער א קאָוואל־
טשיקל, און דער דריטער א בעל־עגלה'טשיקל.
רופט זיך אָפּ'עט דאָס שניידערל,
רופט זיך אָפּ'עט דאָס שניידערל:
אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַווענט, האָט ער געדאַווענט
אזוי ווי מען גיט מיט'ן נאָדעל א שטאָך
און מיט'ן אייזען א פּרעס.
אוי איז דאָס א חזן!
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, האָט ער געדאַ־
ווענט!

II.

רופט זיך אָפּ'עט דאָס קאָוואַלטשיקל,
רופט זיך אָפּ'עט דאָס קאָוואַלטשיקל:
אוי, אוי, אוי האָט ער געדאַווענט, האָט ער געדאַווענט!
אזוי ווי מען גיט מיט'ן האַמער א זעץ
און מיט די קלעשטשעס א קוועטש,
אוי איז דאָס א חזן!
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי האָט ער געדאַווענט

III.

רופט זיך אָפּ׳עט דאָס בעל־עגל־ה׳טשיקל,
רופט זיך אָפּ׳עט דאָס בעל־עגל־ה׳טשיקל:
אוי, אוי, אוי האָט ער געדאַווענט, האָט ער געדאַווענט,
אַזוי ווי מען גיט מיט די לייצעס אַ צי!
זאָגן מי׳ט׳ן בייטשעל אַ כוואַשטש, וויאָ!
אוי איז דאָס אַ חזן,
אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי, אוי האָט ער געדאַווענט!

רבונו של עולם הוראַ!

Moderato (מעסיג בעוועגט)



ג.

און אַז משיח וועט קומען,
וועט אונז דאָך אַלעמען ווערען בעסער;
און ווייַן און בראַנפֿען
וועלען מיר טרינקען פון די פעסער.

און ווער וועט דאָס אַלץ צוזען?
דאָס הייליגע פאָלק ישראל,

און טאַקע איך אויך:
אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, געצעלע מיכאל.
און מיר וועלן נאָך אַלע שרייען:
רבונו של עולם, הוראַ!
רבונו של עולם, הוראַ!

II.

און אז משיח וועט קומען,
וועלן מיר דאַר נישט דאַרפען גיין אין סאָלדאַטען;
און סענדער דער האַטשינער
וועט האָבען דעם פסק פון זיין טאַטען.
און ווער וועט דאָס אַלץ צווזען?
דאָס הייליגע פאָלק ישראל,
און טאַקע איך אויך:
אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, געצעלע מיכאל
און מיר וועלן נאָך אַלע שרייען:
רבונו של עולם, הוראַ!
רבונו של עולם, הוראַ!

III.

און אז משיח וועט קומען,
וועלן מיר דאָך גיין אין אונזער הייליגען לאַנד;
און אַלע אונזערע שונאים
וועלען בלייבען צו שפּאָט און צו שאַנד.
און ווער וועט דאָס אַלץ צוזען?
דאָס הייליגע פאָלק ישראל,
און טאַקע איך אויך:
אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, אָט, געצעלע מיכאל
און מיר וועלן נאָך אלע שרייען:
רבונו של עולם, הוראַ!
רבונו של עולם, הוראַ!

וואָס וועט זיין אַז משיח וועט קומען?

Andante (פאַמעליך)



—זאָג־זשע, רבי׳ניו!
וואָס וועט זייז, אַז משיח וועט קומעז?
—אַז משיח וועט קומען, וועלעז מיר מאַכען אַ סעודה׳ניו.

—וואָס וועלען מיר עסען אויף דער סעודה׳ניו?
— דעם שור הבר מיט׳ן לויתן,
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן, —
דעם שור הבר מיט׳ן לויתן וועלען מיר עסעז
אויף דער סעודה׳ניו!

— וואָס וועלען מיר טרינקען אויף דער סעודה׳ניו?
— דעם ייז המשומר,
דעם יין המשומר,
דעם ייז המשומר וועלען מיר טרינקעז —

דעם שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה'ניו!

— ווער וועט אונז תורה זאָגען אויף דער סעודה'ניו?
— משה רבינו,
משה רבינו,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען,
דעם ייִן המשומר וועלען מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה'ניו!

— ווער וועט אונז שפּילען אויף דער סעודה'ניו?
— דוד המלך,
דוד המלך, —
דוד המלך וועט אונז שפּילען,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען,
דעם ייִן המשומר וועלען מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה'ניו!

— ווער וועט אונז חכמה זאָגען אויף דער סעודה'ניו?
— שלמה המלך,
שלמה המלך, —
שלמה המלך וועט אונז חכמה זאָגען,
דוד המלך וועט אונז שפּילען,
משה רבינו וועט אונז תורה זאָגען,
דעם ייִן המשומר וועלען מיר טרינקען,
דעם שור הבר מיט'ן לויתן וועלען מיר עסען
אויף דער סעודה'ניו!

— ווער וועט אונז טאַנצען אויף דער סעודה'ניו?
— מרים הנביאה,

מרים הנביאה, —

מרים הנביאה ווערט אונז טאַנצען,
שלמה המלך ווערט אונז חכמה זאָגעז,
דוד המלך ווערט אונז שפּילעז,
משה רבינו ווערט אונז תּורה זאָגעז,
דעם ייז המשומר ווערעז מיר טרינקעז,
דעם שור הבר מיט'ז לויתז ווערעז מיר עססעז
אויף דער סעודה׳ניו!

זאָל איך ווערן אַ רָבֿ.



זאָל איך ווערען אַ רב קען איך נישט קיין תּוֹרה,
זאָל איך זיין אַ סוֹחר, האָב איך נישט קיין סחוֹרה;
און קיין היי האָב איך נישט,
און קיין האָבער האָב איך נישט,
און דאָס ווייב שילט זיך,
אַ טרונק בראָנפען ווילט זיך;
זע איך מיר אַ שטיין,
זעץ איך מיר און וויין.

II.

וויל איך זיין אַ שוֹחט, האָב איך נישט היין חלף;
וויל איך זיין אַ מלמד, קען איך נישט קיין אלף;

און די פערד גייען ניִשט,
און די רעדער דרייעז ניִשט;
און דאָס ווייב שילט זיך,
אַ טרונק בראָנפּעז ווילט זיִך;
זע איִך מיִר אַ שטייז,
זיץ איִך מיִר און וויין.

III.

זאָל איך ווערעז אַ קאָוואַל, האָב איך נישט
קיין קאָוואַדלע;
זאָל איך זיין אַ שענקער, איז מיין ווייב אַ פּאַדלע;
און קיין היי האָב איך ניִשט,
און קיין האָבער קויף איך נישט;
און דאָס ווייב שילט זיִך,
אַ טרונק בראָנפּען ווילט זיִך;
זע איִך מיר אַ שטייז,
זיִץ איִך מיִר און וויין.

גוט-וואָך.

Andante. (נישט גיך.)



I.

המבדיל בין קודש לחול,
חטאתינו ימחול;
זרענו וכספנו ירבה כחול,
וככבים בלילה.

גוט וואָך, גוט וואָך,
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך;
גוט וואָך, גוט וואָך,
אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך.

II.

יום פנה, דער שבת אוועק,
ווי אַ שאָטען פון אַ בוים;
פון אַלע מאכלים ניט געבליבען קיין לעק,
און איצט קומט אָן די מזל'דיגע וואָך.

גוט וואָך,

גוט וואָך אַ. ז. וו.

III.

המבדיל בין קודש לחול,

וואָס־זשע טוט מען אַז ס'גייט גאָר ניט וואויל;

זרענו — פּאַראַז, וכספּנו — אני, [1]

דאָס שטיקל ברויט קומט אָן מיט מי...

גוט וואָך, גוט וואָך,

אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך;

גוט וואָך, גוט וואָך,

אַ גוטע וואָך, אַ גוטע וואָך.

---

*) ניסט

דער בעל-עגלה.

Moderato. (מעסיג בעוועגט)



I.

פאר איך מיר ארויס אין א ענגער בויד׳
מיט פערדעלעך פיר אין דער ברייט;
א חושך׳ א וויוגע, מען זעט נישט די וועלט,
די וועגען פארשאטען׳ פארווייט.

וויא׳ וויא׳ פערדעלעך׳
וויא׳ וויא׳ אדלערלעך,
הויבט נאר די קעפעלעך הויך!
פירט די פארשוינדעלעך׳
טרייסעלט דיביינדעלעך׳
וויא׳ אז גיין זאל א רויך!

II.

איין פארשוין בעט מיר: רבי יודל, פארט גיך׳
איך דארף, דאך צום גוטען יודען;

אַ צווייטער בעט מיך: פֿאַמעליִכקע כּאָרט
אוי, מיינע מערידען...

וויאָ, וויאָ פערדעלעך,
וויאָ, וויאָ אָדלערלעך,
הערט ניִשט וואָס ס׳ריידען די לייט!
וואָס מיִר גוטע יודעלעך,
וואָס מיִר מערידעלעך,
וויאָ! אַ קרעטשמע איז ניִשט וויט!

III.

געקומען איִן אַ קרעטשמע שפּעט איִן
דער נאַכט
און טרעף דאָרט אַ דייטשעל ביים וואָגן;
אַ יוד, אַ בעל חשבון אַן אייזערנער קאָפּ,
און ער מאַכט אַ לחיים ביז טאָג.

אוי, אוי קרעטשמערל,
אוי, אוי דייטשעלע,
לעבען זאָלט איר לאַנגע יאָר!
גיִט מיִר אַ כּוס׳ע,
אָבער אַ גרויסע —
וויאָ! גיִט נאָך אַ פּאָר!

IV.

גענומען אַ כּוס׳ע, אַ צווייטע און—יאָ,
ער שמייכעלט און פרייט זיך, מיין דייטש;
פּאַרטרונקען די פערדעלעך, פּאַרטרונקען
די בויד,
געקומען אַ היים מיִט דער בייטש...
יאָ, יאָ ווייבעלע,
יאָ, יאָ טייבעלע,

אַ גראָשען אויף שבת נישטאָ!
נאָר שאַ, שאַ, זאָרג נאָר נישט,
עס, שאַ, קלאָג נאָר נישט,
וויאָ! אַ גאָט איז נאָר דאָ!!!

בעסער אַ מלמד.



I.

בעסער אַ מלמד,
אפילו אַ בייזען;
איידער אַ שטודענט
אין צוריסענע הויזען.

II.

בעסער אַ באַהעלפער,
מיט אַ טוץ קליינע קינדער;
איידער אַ דאַקטאָר
מיט אַ צובראָכענעם צילינדער

III.

בעסער אַ קלויזניק,
אפילו נישט קיין גוטער;
איידער אַן אפטייקער,
וואס פרעגעלט פלייש אויף פוטער.

די מעזינקע אויסגעגעבען

Allegretto (נישט גאר גיך)



I.

העכער, בעסער,
די ראָד, די ראָד מאַכט גרעסער,
גרויס האָט מיך גאָט געמאַכט
גליק האָט ער מיר געבראַכט
הוליעט קינדער אַ גאַנצע נאַכט!
די מעזינקע אויסגעגעבען! (ביס)

II.

שטאַרקער, פריילעך,
דו די מלכּה איך—דער מלך,
אָי, אָי, איך אַליין
האָב מיט מיינע אויגען געזען,
ווי גאָט האָט מיך מצליח געווען:
די מעזינקע אויסגעגעבען! (ביס)

III.

איציק-שפּיציק, וואָס שוויגסטו מיט'ן שמיציק?

אַף די כּלי־זמר גיִב אַ געשריי!
ציִ שפּילען זיי, ציִ שלאָפען זיי?
רייסט דיִ סטרונעס אַלע אַף צוויין
די מעזיִנקע אויסגעגעבען! (בּיס)

IV.

אייזיִק מזיק, די באָבע גייט אַ קאָזיִק,
זעהן עין הרע זעט נאָר, זעט,
וויִ זי [illegible] עט, ווי זיִ טרעט?
אָי, אַ שמחה, אָי, אַ פריידּ!
די מעזינקע אויסגעגעבען! (בּיס)

V.

מאָטעל, שמעון, די אָרימע לייט געקומען,
שטעלט פאַר זיי דעם שענסטען טיִש,
טייערע וויינען, טייערע פיִש,
אָי, מיין טאָכטער, גיִב מיִר אַ קוש!
די מעזינקע אויסגעגעבען! (בּיס)

VI.

דער טייערער פעטער יאָשע
און דיִ גוטע מומע סאָסיע
האָבען מיר צום חתן־מאָל
מייערע וויינען אָן אַ צאָל
מיִר געשיקט פון ארץ־ישראל.
די מעזיִנקע אויסגעגעבען! (בּיִס)

וואס זשע ווילסטו מיין טייער קינד?

Moderato. (בעוועגט)



I.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ שוסטער־יונג?
— ניין, טאַטע ס'איז נישט שיין,
אַ שוסטער־יונג קלאַפּט די פלעקלעך,
און פּאַטשט־אויס דעם ווייב די בעקלעך
ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין.

II.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ שניידער־יונג?
— ניין, טאַטע ס'איז נישט שיין,
אַ שניידער־יונג נייט כאַלאַטען,
און שעלט דאָס ווייב אין טאַטענס טאַטען...
ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין.

III.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ סטאָליער־יונג?

— ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין,
אַ סטאָליער־יונג קלאַפּט דעם קאַסטן,
און דאָס ווייב לאָזט ער פאַסטן.
ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין.

IV.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ בעקער־יונג?
— ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין,
אַ בעקער־יונג באַקט דאָס ברויט
און זיין ווייב מאַכט ער דעם טויט.
ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין.

V.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ לערן־יונג?
— ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין,
אַ לערן־יונג קוועטשט די באַנק
און זיין ווייבעל מאַכט ער קראַנק.
ניין, טאַטע, ס'איז נישט שיין.

VI.

וואָס זשע ווילסטו, מיין טייער קינד?
געבען דיר אַ סוחר־יונג?
— יאָ, טאַטע, דאָס איז גוט!
אַ סוחר־יונג האַנדעלט סחורה,
און קושט דאָס ווייבעל ווי אַ תורה.
יאָ, טאַטע, דאָס איז גוט!..

פֿאָהרט דער חסיד'ל צו דעם רבין.

Moderato (לעבּהאַפֿט)



פֿאָרט דער חסיד'ל צו דעם רבין,
האָט אים אָנגעכאַפּט אַ שלאַגס-רעגען,
מאַכט דער חסיד'ל: בים באָם! (בּיס)

ווי דער שלאַגס-רעגען האָט אים אָנגענומען,
איז ער אין קרעטשמע אַריינגעקומען.
מאַכט דאָס חסיד'ל: בים באָם! (בּיס)

ווי ער האָט גענומען אַ גלעזעל בראָנפֿען טרינקען,
האָט ער גענומען צום מיידעל ווינקען.
מאַכט דער חסיד'ל: בים באָם! (בּיס)

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר געפֿעלען,
איך וועל דיר שענקען אַ שניַרעל קרעלען!“
מאַכט דער חסיד'ל: בים באָם! (בּיס)

דעם שנירעל קרעלען האָט זי צוגענומען
און אים האָט זי געהייסען, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסיד'ל: בים באָם! (בּיס)

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר גוט,
איך וועל דיר שענקען אַ שיינעם הוט!“
מאַכט דער חסיד'ל: בים באָם! (בּיס)

דעם שיינעם הוט האָט זי צוגענומען,

און אים האָט זי געהייסען, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)

„מיידעלע, מיידעלע, ביזט מיר זעהר שיין,
איך וועל דיר שענקען אַ גאָלדענע קרוין!"
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)

די גאָלדענע קרוין האָט זי צוגענומען,
און אים האָט זי געהייסען, שפּעטער קומען.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)

„מיידעלע, מיידעלע, גיב אָפּ מיינע זאַכען!
— „פון אַזאַ חסיד׳ל מעג מען לאַכען!"
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם! (ביס)

איז ער אַוועק אָן וועג און שטעג,
ווי אַ הונט אין די נײַן טעג.
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם!
מאַכט דער חסיד׳ל: בים באַם!

אַ גוטער נאָווענט בריינע!



I.

אַ גוטער נ'אָווענט בריינע,
די בעסטע שכנה מיינע;
דאָס הארץ ווערט אין מיר פארברענט,
זינט איך האָב דעם מערדער דערקענט.

II.

פעטרישקע האָב איך פארגעסען קויפען,

פלייש האָט מיר מיין מאַמעלע געבראַכט;
די יויך וועט דאָרט אויסלויפען —
האָט זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט,
אוי וויי ברייגע א. אַ. וו.

III.

נעכטען האָט ער מיך געשלאָגען,
ברוין און בלאָ האָט ער מיך געמאַכט;
ס׳איז אפילו אַ בזיון אויסצוזאָגען, —
האָט זשע מיר אַ גוטינקע נאַכט.
אוי וויי ברייגע א. אַ. וו.

IV.

כ׳וואָלט זיך מיט אים א וודאי גט׳ן,
דאָס קינד וואָלט איך אים איבערגעלאָזט;
בין איך אָבער שרעקלעך עלענט
באַטש גיי און לייג זיך אין גאַס.
אוי וויי ברייגע א. אַ. וו.

טייער יאַנקעלע.



I.

ווער ס'האָט נאָר געקענט, מיין יאַנקעלע דעם געוויסען,
טייער יאַנקעלע!
אין מיטען העלען טאָג אַ שלעסעלע געריסען,
טייער יאַנקעלע!
אוי ווער ס'האָט אים געכאַפּט, האָט דאָך אים געקלאַפּט,
טייער יאַנקעלע!
קלעפּ מיט די קולאַקעס האָט ער אויסגעכאַפּט,
טייער יאַנקעלע!

II.

— ווער ס'האָט נאָר געקענט, מיין יאַנקעלע דעם געוויסע,

טייער יאַנקעלע!

אוי ער פלעגט דאָך גיין אויף חתונות און ברית'ן,

טייער יאַנקעלע!

אוי, ווער ס'האָט אים געכאַפּט א. א. וו.

דאָס קינד ליגט אין וויגעלע.



דאָס קינד ליגט אין וויגעלע מיט אויסגעווײנטע אויגען,
די מאַמע ליגט אויף דער ערד, די פיס אויסגעצויגען;
ניִשטאָ קיין מאַמע,
ניִשטאָ קיין נחמה!

II.

דאָס קיִנד ליִגט אין וויגעלע און חלש'ט זויגען;
די מאַמע ליִגט אין קבר מיִט שאַרבענס אויף די אויגען;
נישטאָ קיין מאַמע,
נישטאָ קיין נחמה!

III.

ווער וועט דיך מיין קיִנד,
גלעטען און קאַמען,
ווער וועט דיר מיין קיִנד,
דאָס וויִגעלע אויסראַמען;
נישטאָ קיין מאַמע,
ניִשטאָ קיין נחמה!

IV.

ווער וועט דיך, מיין קינד,
פוצען און גלעטען,
ווער וועט דיר, מיין קינד,
דאָס וויגעלע ״יסבעטען?
נישטאָ קיין מאַמע,
נישטאָ קיין נחמה!

V.

ווער וועט דיך, מיין קינד,
פוצען און צירען?
ווער וועט דיך מיין, קינד,
אין חדר אָוועקפירען?
נישטאָ קיין מאַמע,
נישטאָ קיין נחמה!

VI.

ווער וועט דיך, מיין קינד,
מאַכען פאר אַ מענשען,
און ווער וועט דיך, מיין קינד
אונטער דער חופה בענשען?
נישטאָ קיין מאַמע,
נישטאָ קיין נחמה!

יאָשקע פאָהרט אוועק

Allegro agitato. (בעוועגט און לעבעדיג)



I.

זי: קויף מיר נִישט קיין לאָקענעס
און מאַך מִיך נִישט שיין;
קויף דִיר אַ פּאָר שטיוועלעך,
צום פּרִיזיוו דאַרפסטו גיין.

אוי, אוי, אוי, אוי, יאָשקע פאָרט אוועק
נאָך אַ שעה און נאָך אַ שעה,
דער פּאָיעזד גייט אוועק!

(בים צוזאמען)

II.

ער: זיי זשע מיר געזונט,
מיין טייערע כלה,
נאָך דִיר וועל איך בענקען,
מער ווִי נאָך אַלע.

אוי, אוי, אוי, יאָשקע פאָרט אוועק
נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש,
דער פּאָיעזד גייט אוועק!
(ביס צוזאַמען)

III.

זי: די באַן איז שוין געקומען,
און עס כאַפּט מיך אָן אַ שרעק;

לאָמיר זיך געזעגענען,
דער פּאָיעזד גייט אוועק.

אוי, אוי, אוי, יאָשקע א. א. וו. (ביס צוזאַמען)

.

ער: קלאָג־זשע נישט און וויין־זשע נישט,
ס'איז אַלסדינג בלאָטע;
איך וועל זיין ביי פּאָניען
דער שענסטער אין דער ראָטע.

אוי, אוי, אוי, יאָשקע א. א. וו. (ביס צוזאַמען)

זי: דרויסעז איז אַ זאַווערוכע,
דרויסעז איז אַ שניי;
אוי ווי, מאַמעלע,
דאָס קעפּעלע טוט וויי.

אוי, אוי, אוי, אוי, יאָשקע פאָרט אוועק,
נאָך אַ קוש און נאָך אַ קוש,
דער פּאָיעזד גייט אוועק!
(ביס צוזאַמען)

אבטײלונג V

יודיש-אוקראינישע פאָלקס-לידער.

אַ פּאַסטאַכ'ל.



I.

ס'איז געווען אַמאָל אַ פּאַסטוכ'ל,
אַ פּאַסטוכ'ל,
איז אים פאַרלאָרען געגאַנגען
זיין איינציג שעפעלע.
גייט ער, זעט ער אַ פור מיט שטיינדעלער,
מיט שטיינדעלער.
האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז פון שעפעלע
די ביינדעלעך.
זאָגט ער: אדוני, אדוני, אדוני,

טשי נע באַטשיוו טי?
טשי נע ווידזיאל טי?
מאָיעי אָוצי?
מאכט ער:
— ניעט!
בידא, בידו,
נעמא, נישטאָ,
א יאַק זשע יאַ
דאָ דאָמו פּרידו...

II.

גייט ער, זעט ער אַ פּור מיט דערנערלעך,
מיט דערנערלעך,

האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז
פון שעפּעלע די הערנערלעך,
גייט ער, זעט ער אַ פּור מיט ניסעלעך,
מיט ניסעלעך,
האָט ער געמיינט, אַז דאָס איז פון שעפּעלע
די פּיסעלער.
זאָגט ער: אדוני, אדוני, אדוני,
טשי נע באַטשיוו טי?
טשי נע ווידזיאל טי?
מאָיעי אָוצי?
מאכט ער:
— ניעט!
בידא, בידו
נעמא, נישטאָ,
א יאַק זשע יאַ,
דאָ דאָמו פּרידו...

חשבון צדק.

Ad. libitum. (רעליגיעז)



I.

היי פיור יאַ או נידיליו

אי פראָפּיור יאַ ווסיו נאדיו!

טרעבאַ זנאַטי יאַק הוליאַטי,

יאַק באָהאַ פּאָכוואַליאַטי,

איבער הונדערט יאָר יאַק אומיראַטי

חשבון צדק אָטדאַוואַטי—

אַ מי פיאָם טאַי הולאַיעם,

"אתה תשמע מן השמים!

II.

היי פיור יאַ או פאָנידילאָק

אַי פּראָפּיוו יאַ וועס זאַסיוואָק —
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

. . . . .
. . . .

III.

היי פּיוו יאַ אוּ ווטאָראָק
אי פּראָפּיוו יאַ וואָלאָוו סאָראָק
נאַ־עבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

. . . . . .
. . . . . .

IV.

היי פּיוו יאַ אוּ סערעדוּ
אַי פּראָפּיוו יאַ ווסיוּ טשערעדוּ—
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

. . . . . .
. . . . . .

V.

היי פּיוו יאַ אוּ טשעטווער

אַי אָסטאַווסיאַ יאַק טעפּער —
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

. . . . . .
. . . . . .

VI.

היי פּיוו יאַ אוּ פּיאַטניצוּ
אַי פּראָפּיוו יאַ ווסיוּ קראָמניצוּ—
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

. . . . . .
. . . . . .

VII.

היי פּיוו יאַ אוּ סובאָטוּ
אַי פּראָפּיוו יאַ ווסיוּ ראָבאָטוּ —
טרעבאַ זנאַטי א. אַז. וו.

. . . . . .
. . . .

פאָ חאַסידאַצקאָמו



זאַהאַריי מענע, קאָזאַטשענקאָ

נאַ דורו, נאַ דודו.

פאָ חאַסידאַצקאָמו! (בּיס)

וואָס מען טאָר נישט,

טאָר מען נישט, טאָר מען נישט, טאָר מען נישט,

און וואָס מען מעג, טאָר מען דאָך אויך נישט,

אוי, מען טאָר נישט און מען דאַרף נישט,

און ס׳גלוסט זיך נישט און ס׳ווילט זיך נישט,

עד שתּצא הנשמה,

פאַרוואָס? פאַרוואָס?

— ווייל כּדי כּחו וגבורתו לספּר,

איז א קאַפּיטעל תּהלים,



מיט אַ פרק משניות,
מיט אַ בל־עטעל גמרא
טאַקי אויך נישט מכפר.

II.

זאַהאַריי מענע קאָזאַטשענקאָ
נאַ דודו, נאַ דודו,
פאַ מר־נגדסקאָמו! (ביס)
וואָס מען טאָר נישט,
טאָר מען נישט, טאָר מען נישט, טאָר מען נישט,
און וואָס מען מעג, מעג מעג דאָך טאַקי!
אוי, מען טאָר נישט און מען דאַרף נישט,
כאָטש ס׳גלוסט זיך און ס׳ווייל־ט זיך
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
— ווייל כדי כחו וגבורתו לספר,
איז אַ קאַפּיטעל תהל־ים,
מיט אַ פרק משניות,
מיט אַ בל־עטעל גמרא

טאַקי יאָ מכפּר.

III.

זאַדהאַריי מענע קאַזאַטשענקאָ
נאַ דודו, נאַ דודו,
פּאָ אַריסטאָקראַטסקאָמו! (בּיס)
אוי, וואָס מען טאָר נישט,
טאָר מען דאָר, טאָר מעז דאָך, טאָר מעז דאָך.
און וואָס מען מעג, מעג מעז דאָך צוראַי!
אוי, מעז מעג און מען דאַרף,
און ס׳גלוסט זיך און ס׳ווילט זיך
עד שתצא הנשמה,
פאַרוואָס? פאַרוואָס?
— ווייל כּדי כּחו וגבורתו לספּר,
איז אַ קאַפּיטעל תּהלים,
מיט אַ פּרק משניות,
מיט אַ בּלעטעל גמרא
סיי ווי סיי נישט מכפּר.

קאַטאַרינאַ.



אני הלכתי ביער ושמעתי בת קול:

„קאַטארינאַ מאָלאָדיצאַ פאָידי סיודאַ!"

קאַטאַרינאַ, מאָלאָדיצאַ, פאָידי סיודאָ, וואָס מײנט מען?

—„כת"—איז דאָך אַ „כתה",

„רינה"—איז דאָך—געזאַנג.



אינאײנעם מאכט דאָס:

כּת רינה מאַלאָדיצאַ פּאַידי סיודאַ!

מאַלאָדיצאַ פּאַידי סיודאַ,—וואָס מײנט מען?

„מלא"— איז דאָך פול, „דיצה"—איז דאָך פרייד,

אינאײנעם מאכט דאָס:

כּת רינה מלא דיצה, פּאַידי סיודאַ!

פּאַידי סיודאַ, פּאַידי סיודאַ,—וואָס מײנט מען?

„פדית"—דו האָסט דאָך אויסגעלייזט,

„שדי"—גאָטעניו אליין.

אינאײנעם מאכט דאָס:

כּת רינה, מלא דיצה, פדירת שדי,
אַ כּתה פוּן געזאַנג, פוּל מיִט פרייד,
האָסט אונז אויסגעל־ייזט, גאָטעניו.
שרייִט זשע אַלע. אַלע אינאיינעם,
זיִנגט זשע פריילעך אָט אַזוי:
כּת רינה, מלא דיצה, פדת שדי.
כּת רינה, מלא דיצה, פדית שדי!

דער טאַטע און די קינדער.



I.

איך הער אַ געשריי און אַ גוואַלד,
דער פאָטער זוכט די קינדער אין וואַלד. (צוזינג)
סלישו ור׳ליסו הוקאַיע,
באַטקאָ סוואָיד דיטי שוקאַיע. (צוזינג)

II.

קינדער, קינדער, וואו זענט איר געוועזען,
וואָס איר האָט אין מיר אַזוי פאַרגעסען. (צוזינג)
דיטי, דיטי, דע ווי בולי,
שאָ אָ מענע טאַק זאַבולי? (צוזינג)

III.

קיִנדער, קיִנדער, קערט זיִך אום אַהיים,
ס'איז מיִר סמוּטנע זיין אַליין. (צוזיִנג)
דיִטי, דיִטי, ווערניִטעס דאָ דאָמוֹי,
באָ מענע סמוּטנאָ ביִט סאַמעמוֹי. (צוזיִנג)

IV.

פּאָטער, פּאָטער, ווי קאָנען מיִר קוּמען צוּ דיִר,
אַז היִטער שטייען אַרוּם דיין טיִר. (צוזיִנג)
באַטקאָ, באַטקאָ, יאָק פּריִדטי דאָ טעבּע,
קאָלי סטאָרזשאַ, סטאָיאַט קאָלאָ טעבּע. (צוזיִנג)

V.

קיִנדער, קיִנדער, לערנט תּוֹרה,
וועט קוּמען משיח במהרה. (צוזינג)
דיִטי, דיִטי, אוּטשיִטעס טאָרא,
טא משיח פּריִדע סקארא. (צוזינג)

מיקיטקא.

Recitativo (אוקראאיניש)



I.

אַך טי, מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, שאָ סטאָבאָי בודע?
יאַק בודעש כוואָראַטי,
אַ דאָקטאָר ק'טעבע בודע פריכאָדאַטי,
אי רפואות טעבע בודע דאַוואַטי,
אַ טעבע, מיקיטקאַ, טאָ נע בודע פאָמאָהאַטי,
אַך וואַלאַי נע וואַלאַי, טרעבאַ אומיראַטי,
ולפני מלך מלכי המלכים דין וחשבון טרעבאַ אָטדאַוואַטי?

(צווינג)

II.

אַך מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, שאָ סטאָבאָי בודע?
יאַק בודעש אומיראַטי,
אַ טרי סאָלאַמייקי בודוט פיד טאָבאָי פאָדקלידאַטי.
אַ דיטקי מאַלענקי אי זשינקאַ בודוט זאַ טאָבאָי פלאַקאַטי,
אַ חברה לויה בודוט טעבע ווינאָסאַטי,
אַ חברה קדישא בודעט טעבע זאַקאָפאַטי,
אי מלאך הדומה פרידע אי בודע ספיטאַטי:
„מה שמך?" יאַק זוואַטי?
אַ טי, מיקיטקאַ, מיקיטקאַ, בודעש לעזשאַטי,
אי גע בודעש זנאַטי יאַק אָטוויטשאַטי...

(צווינג)

אינהאַלט־פאַרצייכנונג.

ערשטע אַבטיילונג.

ליריש־ראָמאַנטישע און ליבעס־לידער.

		זייט
1.	די גאָלדענע פּאַווע	5
2.	מאַמעניו, ליובעניו (פון קיפּניס'עס זאַמלונג)	7
3.	אַ מיידל אין די יאָרן „ „ „	9
4.	אַ ליד פון אַ פייגעלע	11
5.	פייגעלע איז געווען אַ וואוילע מויד	13
6.	אַ חבר'טע (פון קיפּניס'עס זאַמלונג)	15
7.	אַמאָל איז געווען אַ מעשה	17
8.	אין דרויסן איז אַ טריבער טאָג	19
9.	בראָנטשעלע (פון קיפּניס'עס זאַמלונג)	21
10.	גיי איך מיר שפּאַצירן	23
11.	יאָמע, יאָמע	25
12.	אַ יונגעלע פון פוילן	27
13.	לאָמיר זיך איבערבעטן	29
14.	העלף מיר, גאָטעניו (פון קיפּניס'עס זאַמלונג)	31
15.	די בייקע „ „ „	33
16.	לייג איך מיר דאָס קעפּעלע	35
17.	אַ ליבע איז גוט צו שפּילן	37
18.	די מאַמע האָט מיך געשיקט (פון קיפּניס'עס זאַמלונג)	38
19.	אַוועק די יונגע יאָרן „ „ „	40
20.	אין ווילדן וואַלד אַליין	42
21.	דער נייער שער „ „ „	44
22.	פישעלעך קויפן	45
23.	אוי, אברהם!	47

צווייטע אַבטיילונג.

פאָלקסטימליכע לידער.

24.	אין חדר (פאָלקס־בילד. ווערטער און מוזיק פון מ. מילנער)	51
25.	העמערל (ווערטער פון א. רייזין מוזיק פון א. מ. בערנשטיין)	55
26.	שטערנדל (מעלאָדיע פון קיפּניס'עס זאַמלונג. ווערטער פון מ קולבאַק)	56
27.	מאַרגאַריטקעס „ „ „ ווערטער פון ז. שניאור)	58
28.	מאי קא משמע לן „ „ „ ווערטער פון א. רייזין)	61
29.	בעריאָזקעלע „ „ „ ווערטער פון ד. איינהאָרן)	63
30.	אויפן בוידעם שלאָפט דער דאַך (מעלאָדיע פון קיפּניס'עס זאַמלונג, ווערטער פון ב. שאפיר)	65
31.	דריי נייטאָרינס (ווערטער פון י. ל. פרץ)	67
32.	סלושאַי (מעלאָדיע פון קיפּניס'עס זאַמלונג, ווערטער פון גאַנץ מילער, פריי איבערזעצט פון ש. אַנ—סקי)	69
33.	אכציג ער און זיבציג זי (ווערטער פון מ. מ. וואַרשאַווסקי)	72

דריטע אָבטיילונג.

רעליגיעזע, חסידישע, מתנגדישע און פילאָזאָפישע פאָלקס־לידער.

זייט:

34. קדיש — פון ר' לוי יצחק בערדיטשעװער — 79
35. אַ דודעלע — 82
36. מאיר'קע מיין זון — 85
37. מלוה מלכה — 87
38. ער זאָל לעבן (אפיקורסיש, פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 89
39. אַלטע קשיא (פילאָזאָפיש) — 91
40. ס'איז נישטאָ קיין נעכטן (פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 92
41. דער פילאָזאָף — 93

פערטע אָבטיילונג.

הומאָריסטישע און פאַמיליען־לידער.

42. אַ חזנ'דל אויף שבת (פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 97
43. רבונו של עולם, הוראַ! „ „ — 100
44. וואָס וועט זיין, אַז משיח וועט קומען? — 102
45. זאָל איך ווערן אַ רב — 105
46. גוט וואָך — (פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 107
47. דער בעל־עגלה — 109
48. בעסער אַ מלמד — 112
49. די מעזינקע אויסגעגעבן (פון מ. מ. װאַרשאַװסקי) — 113
50. וואָס־זשע ווילסטו, מיין טייער קינד? (פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 115
51. פאָרט אַ חסיד'ל צו דעם רבי'ן — 117
52. אַ גוטער נ'אָװנט, ברײַנע (פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 119
53. טייער יאַנקעלע (פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 121
54. דאָס קינד ליגט אין וויגעלע — 123
55. יאָשקע פאָרט אַוועק (פון קיפּניס'עס זאמלונג) — 125

פינפטע אָבטיילונג.

יודיש־אוקראַינישע פאָלקס־לידער.

56. אַ פאַסטוכל — (קיפּניס'עס זאמלונג) — 129
57. חשבון צדק — 131
58. פאַ חאַסידאַצקאָמו — 133
59. קאַטאַרינאַ מאַלאָדיצאַ — 136
60. דער טאַטע און די קינדער — 139
61. מיקיטאַ — 141

די דאָזיגע זאַמלונג שטעלט מיט זיך פֿאָר די שענסטע בײַשפּילן פֿון יודישען פֿאָלקס-לידער-שאַץ, פֿון ערנסטען לי-ריש-ראָמאַנטישען, רעליגיעז-מיסטישען ביז'ן הומאָריסטישען און וויציגען זשאַנר-ליד, ווי אויך שפּראַכען-געמישטע כאַראַקטער-לידער, ווי יודיש-אוקראַאינישע א. אַ. וו.

אַ טייל פֿון די לידער זענען געדרוקט מיט און אָהן נאָטען, באַזונדער און אין פֿאַרשיידענע זאַמלונגען. צו דעם דאָזיגען טייל געהערען אויך די לידער פֿון באַקאַנטע אויטאָ-רען, ווי „מאַרגאַריטקעס" פֿון ז. שניאור, „דריי נייטאָרינס" פֿון י. ל. פּרץ, „צום העמערל" פֿון רייזען, מוזיק פֿון בערנ-שטיין, „אין חדר", ווערטער און מוזיק (בלויז די פּרימאָ גענומען) פֿון מ. מילנער און אַנדערע געזאַנגען, וואָס זענען באַליבט געוואָרען און פֿאַררעכענט ביים פֿאָלק אַלס עכטע פֿאָלקס-לידער. די גרעסטע טייל אָבער איז גענומען פֿון מיין אייגענער זאַמלונג און זענען נאָך אין ערגעץ נישט געדרוקט געוועזן.

אין דער זאַמלונג איז אַריין דאָס פֿרעמדע ליד „סלושאַי", וואָס איז צוליב דער גלענצענדער פֿרייער איבערזעצונג פֿון ש. אַנ—סקי זעהר שטאַרק פּאָפּולער געוואָרען ביי די יו-דישע מאַסען.

דאָס דאָזיגע ליד גייט נישט אַריין אין מספּר פֿון די 60 פֿאָלקס-לידער און ווערט פֿאַררעכענט אַלס 61-סטע צוגאָבּ-ליד.

ם. קיפּנים.